## פרשת ויקרא ג׳ - ט׳ אדר ב׳ תשע״ט לפ״ק

***יום ראשון פרשת ויקרא***

בשעות הערב נסע **רבינו שליט״א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי בשולחן ערוך (או״ח הלכות ברכת המזון סימן קפ״ג סעיף ז׳) בבית מדרשנו בבארא פארק. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט״א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע העעל״ט.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**עס** שטייט די פאריגע וואך אין די פרשה, אז משה רבינו האט געזאגט פאר בצלאל, אז מען זאל מאכן די משכן. און רש״י (שמות לח-כב) ברענגט צו א גמרא (ברכות נה.), אז משה רבינו האט געהייסען מאכן קודם די כלים און נאכדעם דעם משכן, און בצלאל האט אים געזאגט, אז מנהג העולם איז נישט אזוי. די וועלט פירט זיך, אז מען מאכט קודם א בית, און נאכדעם ברענגט מען ארין די כלים, און דו הייסט מיר, אז איך זאל מאכן קודם א ארון און א שלחן און א מנורה. האט אים משה רבינו געזאגט, דו ביסט גערעכט, דער אייבערשטער האט מיר טאקע אזוי געזאגט, אז מען זאל מאכן קודם דעם משכן, און נאכדעם די כלים. בצל א-ל היית, דו ביסט געווען אינעם צל פונעם אייבערשטען. און מען דארף פארשטיין וואס איז געווען די דיון צווישן משה רבינו מיט בצלאל, אז בצלאל זאגט מנהג העולם איז נישט אזוי. ווען מען גייט בויען א משכן וואו דער אייבערשטער זאל רוען דערויף, רעדט מען נישט פון א מנהג העולם, עס איז העכערע ענינים ווי אזוי עס ווערט א השראת השכינה אינעם משכן. און אפשר וויל דער אייבערשטער, אז עס זאל זיין קודם די כלים, און נאכדעם זאל זיין א משכן. ווען א מענטש בויט א הויז פאר זיך, דארף ער קודם א הויז, און נאכדעם ברענגט ער אריין די מעבל, אבער א משכן פארן אייבערשטען איז נישט קיין הכרח אז עס מוז זיין אויף דעם וועג.

**תוספות** (ברכות שם) שטעלט זיך, אז ווען מען קוקט אריין אין פרשת תרומה זעהט מען אז דער אייבערשטער האט געזאגט, מען זאל מאכן א ארון מיט א שלחן און א מנורה, און נאכדעם די קרשים. זעהט מען דאך אז דער אייבערשטער האט געזאגט קודם די כלים, און נאכדעם די משכן, אזוי ווי משה רבינו האט געזאגט. תוספות ענטפערט דערויף, אז אין פרשת כי תשא ווערט איבערגע׳חזר׳ט נאכאמאל ווי אזוי דער אייבערשטער האט אים געזאגט, און דארט שטייט (לא-ז) אהל מועד קודם, און נאכדעם שטייט די כלים. און אויף דעם האט משה רבינו געזאגט, בצל א-ל היית, אז די צווייטע מאל האט מיר דער אייבערשטער געזאגט, אז מען זאל מאכן קודם דעם משכן, און נאכדעם די כלים.

**עס** קען זיין דער ענין דערפון איז. דער משכן האט געוויזען ווי אזוי א יוד קען זוכה זיין צו האבן השראת השכינה. דער אייבערשטער האט גערוט אין א משכן אויף עצים ואבנים, און די זעלבע קען זיך אויך א יוד צוגרייטן, אז אויף אים זאל זיין א השראת השכינה. ושכנתי בתוכם (שמות כה-ח), בתוך כל אחד ואחד מישראל. אין אויסשטעל פונעם משכן, אלע כלים פון דעם משכן, האבן אלע געוויזען אויף א געוויסע נקודה אין עבודת ה׳. דער ארון האט געוויזען אויף תורה, ווי אזוי עס דארף זיין א תלמיד חכם, תוכו כברו, און אלע ענינים וואס מען לערנט אראפ פונעם ארון. דער שלחן האט געוויזען אויף די מחזיקי תורה, וואס זיי טוען אויסהאלטען די תורה. יעדע כלי אינעם משכן האט געוויזען אויף א געוויסע נקודה אין עבודת ה׳.

**די** גמרא (סוכה מט.) זאגט, חמוקי יריכיך (שיר ז-ב), מה ירך בסתר אף דברי תורה בסתר. ווען א מענטש טוט א מצוה, דארף ער עס טון בסתר. ווען א מענטש טוט א זאך בגאהאלטענערהייט ביי זיך אין שטוב, קיינער זעהט נישט ווי אזוי ער עסט, און ער מאכט א ברכה, און ווי אזוי ער פירט זיך אויף, טוט ער עס ערליך, בלתי לה׳ לבדו, נאר פארן אייבערשטען אליין. אז מען איז ברבים, צווישן אנדערע מענטשן, איז שוין דא זאכן וואס מען טוט אסאך מאל, וואס עס כאפט זיך אריין א פניה. יענער וועט מיר מכבד זיין, יענער וועט מיר מחשיב זיין אויף וואס מען האט געטון. עס קומט אריין א זייטיגע כוונה אויך. וועגן דעם זאגט די גמרא, אז אזוי ווי א ירך איז בסתר, אזוי דארף אויך זיין דברי תורה בסתר.

עס שטייט אין **נועם מגדים** (פ׳ האזינו), ה׳ בדד ינחנו ואין עמו אל נכר (דברים לב-יב), זאגט ער, ווען א מענטש האט א פניה, ער האט אויך אינזין א

צווייטען בשעת ער שטייט פארן אייבערשטען, איז עס א בחינה פון עבודה זרה, ער דינט נאך איינעם. ער דינט דעם אייבערשטען, און אינדערזייט האט ער אויך א זייטיגע הנאה, געלט, כבוד, וכדומה, וואס דאס איז א בחינה פון עבודה זרה. אבער 'ה' בדד ינחנו', ווען דער אייבערשטער פירט א מענטש אז ער איז בדד, ער איז פאר זיך אליין, קיינער איז נישט דארט, איז 'אין עמו אל נכר', דארט איז נישט דא קיין זייטיגע פניות, עס איז בלתי לה' לבדו.

**אז** דער משכן ווייזט, ווי אזוי מען דארף דינען דעם אייבערשטען, זאגט דאך דער שכל אז עס דארף קודם זיין דער משכן, קודם דארף זיין א דעק פון אינדרויסן, און נאכדעם קענסטו אנהייבן צו טון די עבודה אינווייניג. מען טוט נישט קיין עבודה, ווילאנג מען האט נישט דעם דעק דערויף, ווען דער משכן איז בפרהסיא, ווייל די עבודה דארף זיין בסתר, קודם איז דא דער אהל, און נאכדעם דארף זיין דער משכן. איז דאך בצלאל גערעכט, אז עס דארף זיין קודם דער משכן, און נאכדעם דארף זיין די כלים.

**מען** זעהט אבער אז דער אייבערשטער האט אים נישט אזוי געזאגט, אין פרשת תרומה האט ער אים געזאגט, אז קודם דארף ער מאכן די כלים, און נאכדעם די משכן. עס שטייט אין **דעת זקנים מבעלי תוספות** (ריש פרשת תרומה), אז די פרשה פון תרומה איז געגעבן געווארן נאך פארן חטא העגל. תיכף ווען משה רבינו איז ארויפגעגאנגען די ערשטע פערציג טאג, דערמאלטס האט אים דער אייבערשטער שוין געזאגט די פרשה פון תרומה, אז מען זאל מאכן א משכן פארן אייבערשטען. ווען מען האלט נאך מתן תורה, וואס אני אמרתי אלקים אתם (תהלים פב-ו), יודען זענען געווען אין אזא הויכע מדריגה, זיי זענען געווען אלקים, אזוי ווי מלאכים, איז נישט דא קיין חשש אז מען טאר נישט אנהייבן צו טון עבודת ה' ברבים, ווייל מען וועט האבן א זייטיגע פניה, עס איז נישט עולה על הדעת ווען מען טוט א עבודה פאר אזא הייליגען באשעפער, אז מען זאל דעמאלטס אינזין האבן א פשוטען בשר ודם. עס איז דאך אלקים אתם, נעקר יצר הרע מלבם, זיי האבן נישט געהאט קיין יצר הרע ביי זיך. וועגן דעם ווען דער אייבערשטער האט מצווה געווען די ערשטע מאל פאר משה רבינו, האט דער אייבערשטער געזאגט, דו קענסט מאכן קודם די כלים און נאכדעם די משכן, ווייל יודען דארפן נישט האבן קיין דעק קודם אויף די עבודת ה', מען קען טון די עבודת ה' אפענערהייט אויך, זיי האבן נישט קיין יצר הרע. די פרשה פון כי תשא וואס דער אייבערשטער האט געטוישט, און דער אייבערשטער האט אים געזאגט, אז מען זאל מאכן קודם די משכן און נאכדעם די כלים, דאס איז שוין געווען נאכן חטא העגל. נאכן חטא העגל איז שוין צוריקגעקומען דער יצר הרע, און אז עס איז צוריקגעקומען דער יצר הרע, דעמאלטס דארף זיין קודם א משכן, און נאכדעם דארפן זיין די כלים, יעצט דארף מען שוין זען צו טון אז עס זאל זיך נישט אריינכאפן דער יצר הרע און טון א זאך מיט א פניה, דארף עס זיין צוגעדעקט פון אלע זייטן בשעת מען דינט דעם אייבערשטען. האט דער אייבערשטער משנה געווען, אז מען זאל מאכן קודם דעם משכן, און נאכדעם די כלים.

**משה** רבינו איז דאך געווען א איש האלקים, און אין זיין קאפ איז נישט אריינגעגאנגען אז מען דארף פארשטעקן די עבודה ווייל אז נישט וועט מען דינען דעם אייבערשטען מיט א פניה, ווען מען דינט דעם באשעפער וועט מען אויך אינזין האבן געלט מיט כבוד און אנדערע זאכן וואס איז דא דערין. האט משה רבינו פארשטאנען אז מען קען קודם מאכן די כלים, און נאכדעם מאכן די משכן. האט ער געזאגט, מאך קודם די כלים, און נאכדעם די משכן. זאגט בצלאל פאר משה רבינו, דו ביסט זייער הויך, דו מיינסט אז מען קען טון די עבודה אזוי אפענערהייט, און עס איז נישט דא קיין פניות. מנהג העולם אינו כן, ווען מען רעדט פון די וועלט איז עס נישט אזוי, מען דארף האבן קודם א משכן, און נאכדעם קענסטו האבן די כלים. קודם דארף זיין א משכן וואו מען זאל קענען טון בסתר, און נאכדעם קען מען מאכן די כלים. האט ער אים געזאגט, דו ביסט גערעכט, שפעטער האט דער אייבערשטער טאקע משנה געווען, און נאכן עגל האט ער מיר געזאגט, אז מען דארף מאכן דעם משכן און נאכדעם די כלים, ווייל ער האט מכוון געווען צו דעם וואס דו האסט געזאגט, אז נאכן עגל דארף מען שוין זעהן, אז וואס מען קען טון בסתר, זאל מען טון בסתר.

*

אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל החתונה של בן הר"ר **אהרן הערש בלוישטיין** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **חיים קלמן שווארץ** הי"ו, שהתקיים באולם קאנטינענטאל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום שני פרשת ויקרא***

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הקבלת פנים של בן הר"ר **עזריאל יצחק הערמאן** שליט"א, עב"ג בת הר"ר **שמעי' שלום גרינפעלד** הי"ו, שהתקיים באולם פרדס פיגא.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת ש"ב הר"ר **חיים לייב באבאד** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **חיים יצחק אייזיק לאנדא** ע"ה. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום שלישי פרשת ויקרא***

בשעות הבוקר נסע **רבינו שליט"א** למאנסי והתפלל תפלת שחרית בבית מדרשנו התאחדות אברכים. אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **עקיבא זינגער** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובסנדקאות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף **רבינו שליט"א** בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** זאגט אין די הרחמן'ס, הרחמן הוא יברך בעל ברית המילה, אשר שש לעשות צדק בגילה, וואס ער האט זיך געפריידט מקיים צו זיין די מצוה, וישלם פעלו ומשכרתו כפולה, זיין שכר זאל זיין געדאפלט, ויתנהו למעלה למעלה. וואס איז דער לשון ומשכרתו כפולה, וואס איז דער געדאפעלטער שכר. ווען מען טוט א מצוה איז דא א גרויסער שכר, אבער וואס איז דער דאפעלטער שכר.

**ביי** מצות ברית מילה שטייט אין פסוק (בראשית יז-יג) המול ימול, א דאפעלטע לשון. די גמרא (עבודה זרה כז.) דרשנט, המל ימול, אז נאר איינער וואס איז שוין גע'מלט, קען מל'ן א צווייטען, אבער א ערל קען נישט מל'ן. איך האב געטראכט אז עס ליגט דערין נאך א ענין. מען ווייסט וואס עס שטייט פונעם **באר מים חיים** (בספרו **סידורו של שבת** דרוש ד' פרק ב' מאמר א'), אז ביי מצות מילה שטייט אין פסוק (בראשית יז-יב) ובן שמונת ימים ימול לכם, עס שטייט נישט אז מען זאל מל'ן צו אכט טאג, נאר ובן 'שמונת' ימים. זאגט ער, אז א יוד איז משתוקק מקיים צו זיין מצות מילה, און ער וואלט געוואלט מקיים זיין מצות מילה תיכף ווען דאס קינד ווערט געבוירן. ער קען דאך אבער נישט, ער דארף ווארטען ביז די אכטע טאג, אזוי ווי דער אייבערשטער האט מצווה געווען. אבער זיין השתוקקות מקיים צו זיין די מצוה, איז דא תיכף. אזוי ווי חישב לעשות מצוה ונאנס עליה ולא עשאה, מעלה עליו הכתוב כאילו עשאה (ברכות ו.), ווערט גערעכנט ביים אייבערשטען די השתוקקות צו א מצוה אזוי ווי מען האט עס געטון. קומט אויס, אז א טאטע מל'ט זיין קינד די גאנצע אכט טאג. ביז די אכטע טאג איז עס במחשבה, און נאכדעם איז עס בפועל. ובן 'שמונת' ימים, די גאנצע אכט טאג מל'ט ער דאס קינד.

**און** אז דער אייבערשטער רעכנט א מחשבה כאילו מען האט גע'מל'ט דאס קינד שוין תיכף ווען עס איז געבוירן, קומט אויס אז ווען מען מל'ט דאס קינד, מל'ט מען שוין נישט קיין ערל, מען מל'ט שוין א געמל'ט קינד, ווייל עס ווערט שוין גערעכנט ביים אייבערשטען כאילו דאס קינד איז גע'מל'ט. עס איז המול ימול, ווען מען מל'ט, מל'ט מען שוין דאס צווייטע מאל, ווייל עס איז שוין נחשב אין הימל א מצות מילה וואס איז געווען פון פריער. און המל ימול, מען מל'ט שוין איינעם וואס איז גע'מל'ט.

**דאס** איז ווען א מענטש טוט די מצוה מיט א שמחה, אבער ווען א מענטש איז נישט מקיים די מצוה מיט א שמחה, ער האט נאר נישט קיין ברירה, עס קומט דער אכטער טאג, און ער דארף מל'ן זיין קינד, געשעהט דעמאלטס מצות מילה. אבער ווען א מענטש האט א שמחה צו די מצוה, עדיין עושין אותה בשמחה, אז מען האט א שמחה צו די מצוה, איז מען דאך משתוקק די גאנצע צייט דאס מקיים צו זיין, ווערט עס גערעכנט ווי ער האט צוויי מאל גע'מל'ט, איינס במחשבה און איינס בפועל.

**זאגט** מען, הרחמן הוא יברך בעל ברית המילה, אשר שש לעשות צדק בגילה, וואס ער האט געהאט א

שמחה מקיים צו זיין די מצוה, איז וישלם פעלו ומשכורתו כפולה, וועט זיין שכר אויך זיין געדאפעלט, ווייל עס ווערט גערעכנט ווי א דאפעלטע מצוה.

*

אחר סעודת הברית עבר **רבינו שליט"א** לבנין בית מדרשנו החדש 'תפארת יהושע', להיות נוכח בעת יציקת הבורות להמקוה החדש. במקום נוכחו דייני קהלתינו הק' במאנסי שליט"א, הרב רבי **יצחק טריגער** שליט"א מומחה גדול בעניני מקוואות, וציבור נרחב מאנ"ש ואברכי קהלתינו הק'. אחר יציקת הבורות הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לכל המשתתפים.

בשעות הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת דייטש שיחי', שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה (אשת הר"ר **מאיר צבי דייטש** הי"ו).

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** ללעיקוואוד לסידור קידושין אצל החופה של בן הר"ר **יונתן שמעון ווינקלער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **שמואל צבי בענדער** הי"ו, שהתקיים באולם לעיק טערעס.

*

***<u>יום רביעי פרשת ויקרא</u>***

בשעות הבוקר נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והתפלל תפלת שחרית בבית מדרשנו, ביחד עם תלמידי התלמוד תורה. אחר התפלה עברו תלמידי הת"ת לברכת שלום.

אחר כך התקיים הברית של בן הר"ר **בן ציון ווייסבערג** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***<u>וזה תוכן הדברי תורה:</u>***

**די** וואך איז די פרשה פון קרבנות. מל'ן א קינד, איז אזוי ווי מען ברענגט א קרבן פארן אייבערשטען. דער פסוק (ויקרא א-יא) זאגט, ושחט אותו על ירך המזבח צפונה לפני ה', דעם קרבן עולה האט מען געדארפט שחט'ן על ירך המזבח, אויף די זייט פון דעם מזבח, אויף צפון זייט. אין הייליגע ספרים שטייט א רמז דערויף, אז די כח פונעם יצר הרע איז זייער גרויס, און די עיקר איז זיך דער יצר הרע מתגבר אויף צוויי זאכען וואס נפשו של אדם מחמדתן (מכות כג:). אויף קדושת הברית, אז מען זאל זיך פירן ערליך און הייליג איז דא א שווערע מלחמה וואס מען דארף האלטן. און אויך אויף געלט זאכען, מען זאל קענען האבען ריין און ערליך געלט. די נאטור פונעם מענטש איז דאך, אוהב כסף לא ישבע כסף (קהלת ה-ט). אויף די צוויי זאכען איז דא א געוואלדיגע התגברות היצר.

**אין** הייליגע ספרים שטייט א רמז, על שתי לחם יבצעו תמימים (בזמר יום זה מכובד). 'לחם' האט צוויי טייטשען, די פרנסה פונעם מענטש ווערט אנגערופן לחם, און מען געפונט ביי יוסף (בראשית לט-ו) אז לחם זו אשתו. 'על שתי לחם', אויף די צוויי ערליי 'לחם'ס, 'יבצעו', ווערן צובראכן, 'תמימים', אפילו די וואס זענען גאנץ און זיי פירן זיך ערליך, פאלען אדורך ביי די צוויי ענינים.

**'ושחט** אותו', דער יצר הרע קען שחט'ן דעם מענטש, אויף צוויי זאכען. אדער 'על ירך', דאס ווייסט אויף קדושה וואס א מענטש דארף האבן. און נאכדעם 'צפונה', געלט ווערט אנגערופן צפון, מצפון זהב יאתה (איוב לז-כב), דער שלחן איז געווען בצפון. און פארקערט אויך, א מענטש דארף שחט'ן דעם יצר הרע אויף די צוויי מדות.

**עס** קען זיין אז עס ליגט דערין א רמז, אז דא ליגט די כוחות וואס א יוד קען האבן, אז ער זאל זיך קענען פירן ערליך, און זיך קענען מקדש זיין פארן אייבערשטען. ער זאל קענען האבן די מעגליכקייט, אז ער זאל שחט'ן דעם יצר הרע. קדושת הברית וואס מען ברענגט אריין א קינד בבריתו של אברהם אבינו, דאס גיט א כח פארן קינד אז ער זאל קענען לעבן דאס גאנצע לעבן א הייליג לעבן, און א ערליך לעבן. כשם שנכנס לברית כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים, מען זאל זיך קענען פירן ערליך שפעטער אויך.

**די** צווייטע מדה איז, וואס א יוד דינט דעם אייבערשטען באהאלטענערהייט. ווען א מענטש דינט דעם אייבערשטען בפרהסיא, פאר א רבים, קען זיך אריינכאפן פניות, זייטיגע מחשבות, אבער

ווען א יוד דינט דעם אייבערשטען ביי זיך אין שטוב, דאס איז בלתי לה' לבדו, דאס ווייסט קיינער נישט, נאר דער רבונו של עולם אליין, דאס איז די ריכטיגע עבודה.

**'ושחט** אותו', מען קען שחט'ן דעם יצר הרע, אויף צוויי אופנים. 'על ירך המזבח', דאס איז די קדושה פון מילה, על בריתך שחתמת בבשרנו. און 'צפונה לפני ה', יעדער זאך זאל מען טון באהאלטערנערהייט, עס זאל זיין לפני ה', עס זאל זיין פארן אייבערשטען. דאס איז די מעגליכקייט ווי אזוי א יוד קען זיך מתגבר זיין, און זיך מתקדש זיין מיט א קדושה.

*

לעת ערב ביומא דהילולא של משה רעיא מהימנא נקבצו ובאו לבית מדרשנו קהל רב ועצום לשמוע את דבר ה' בעוז ותפארת **'דרשת ז' אדר'** מאת **כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א**. בשולחנות המזרח פיארו עשרות רבנים ודיינים מרביצי תורה שליט"א.

אחר תפלת מעריב התעטף **רבינו שליט"א** בטלית, ועלה לפני הארון קודש, ודרש קרוב לשתי שעות ומחצה בדברי דרוש והספד, ובדברי הדרכה ומוסר לדעת את המעשה אשר יעשון.

**רבינו שליט"א** התחיל את דבריו בדברי דרוש ואגדה במעלת משה רעיא מהימנא, שעלה ונתעלה להיות כמלאכי אש, ובגודל מעלת הצדיקים שבכל דור ודור, ניצוצי נשמתו של משה רבינו, אשר הקב"ה משתעשע בתורתם ועבודתם, ומקדש ה' המה ששורה עליהם שכינת ה'. – והמשיך את דבריו בדברי הספד על הרבנים הגאונים והצדיקים מרביצי תורה וטהרה בישראל, שנסתלקו בשנה העעל"ט, ולקבל עליהם אבילות שעה לכבודה של תורה כנהוג.

אחר אמירת א-ל מלא רחמים, השמיע **רבינו שליט"א** בקול חוצב להבות אש דברי הדרכה ומוסר בענינים העומדים על הפרק. בראשית דבריו ציטט מדברי **הרמב"ם** (הל' דעות ו-א) ש'דרך בריתו של אדם להיות נמשך בדיעותיו ובמעשיו אחר ריעיו וחביריו ונוהג כמנהג אנשי מדינתו', והרבה חברותא עושה להשפיע על הנהגת האדם והשקפת החיים. וכהיום צריכין זהירות יתירה בזה, שגם כאשר האדם נראה בחיצוניות כמלובש בבגדי חסידות ובזקן ופיאות ארוכות, יתכן שבתוכו ובביתו עזב את דרכי התורה, ומתנהג ככל שבקלים, וצריכין להתדבק ולהסתובב רק בחברותא של יראי ה' באמת.

**רבינו שליט"א** הרחיב הדיבור לעורר על הזהירות בכלי הטעכנאלאגיע שנתרבה כהיום, אשר גם כאשר יושב האדם בביתו אפשר לו להתחבר עם מאות אנשים, ורואה ושומע בכל שעה כל מה שעולה על דעתו של אנשים קלים לפרסם, והם גורמים קרירות בכל הקדוש לנו.

ועוד זאת אשר נשברו כל גדרי האנושיות, אנשים מפרסמים לרבים כל הדברים אישיים שלהם, ונפרץ כל מדת הצניעות אשר היתה תפארת בהתנהגותם של ישראל שלא יציץ לתוך אהלו של חבירו. ומפרסמים תמונות פרטיים מאנשים לרבים, שגורם לשון הרע והלבנת פנים ועוד.

**רבינו שליט"א** קרא בקול חוצב להתנתק מכל מיני סאשעל מידי"א, חבורת וואטס-עפ, פרא-פיילס, סטאטו"ס וכו', כי סופו מר, וברבות הימים ימצא עצמו כלי ריק בלי זיק של יראת שמים.

והמשיך בדבריו שגם אלו המשתמשים בסמארטפאון עם פילטער היותר טוב ומשומר לצורך פרנסתם, החיוב שיהיה להם טלפון כשר להשתמשותו יום יום, ולא ישתמשו בהסמארטפאון רק לעת הצורך, וכל שכן שלא להכניסם בביתו נגד ילדיו, אשר בזה מאבד אותם ואת דורותיו אחריו, ועוקר כל היראת שמים שלהם, שבסופו גם הם ישתמשו בזה, ואז יאכל האב פרי מעשיו, ויתלוש שער ראשו על אבדון נפשם. ומוטל גם על עקרת הבית למנוע מבעלה מלהכניסם לבית, ולומר לו שהוא מכלה בזה טרחתה ועמלה בגידול הבנים.

בדבריו התריע **רבינו שליט"א** על חומר הענין להשתמש בסמארטפאון בביתו ובמקום רבים באומרו: **אז מען דארף האבן א סמארטפאון פאר פרנסה, דארף ער האבן עקסטער א כשר'ן טעלעפאן, וואס מיט דעם זאל ער זיך באנוצן פאר אלע זיינע צרכים טאג טעגליך.** א סמארטפאון [אפילו דער וואס דארף עס האבן] איז נאר געמאכט געווארן, אז ווען ער האט א צורך, זאל ער עס אפירנעמען און טון וואס ער דארף צו טון. **און כל שכן זיך באנוצן דערמיט אין שטוב אקעגן די קינדער, וואס ער איז מכשיר די כלי פאר זיינע קינדער, אז דאס איז א כשר'ע זאך, און מען קען**

**עס נוצן. ער געוואוינט זיי דערצו, אז ווען זיי וועלן עלטער ווערן זאלן זיי אויך אזוי טון. און מען ווייסט אז יונגערהייט איז אזא כלי ממש אבדון נפשם! מען פארלירט א קינד! מען פארלירט יענעמ'ס נפש, ווען מען לייגט זיך אריין דערין. וויפיל געלט, און וויפיל טרערן לייגן אריין עלטערן צו זעהן נחת דקדושה ביי זייערע קינדער, און צום סוף טוען זיי בידים פעולות ארויסצורייסן פון זיי די ביסל יראת שמים וואס מען האט שוין יא. א קינד וואס ווערט נתחנך אין אזא שטוב, איך זאג זיי צו, אז איין טאג נאכדעם וואס דער קינד גייט ארויס פון טאטענס שטוב, וועט דאס קינד האבן א סמארטפאון, און דאס נוצן דארט וואו דער טאטע וויל נישט ער זאל עס נוצן!** און דעמאלטס וועט דער טאטע עסן די פירות פון זיינע מעשים, און עס וועט שוין זיין צו שפעט. און ער וועט זיך רייסן ביי די האר פונעם קאפ, 'וואס האב איך געטון'.

**פארוואס** דארף דאס זיין א כלי פאר א רשות הרבים, עס איז א בור ברשות הרבים. דו דארפסט עס האבן, האב עס פריוואט ביי דיר אין שטוב, ביי דיר אין די ביזנעס וואו דו דארפסט עס האבן, באנוץ זיך דערמיט, **אבער דאס דארף נישט זיין דיין עמטליכע טעלעפאון מיט וואס דו באנוצט זיך דעם גאנצן טאג, ווען יעדער ווייסט וואו מען קען צוקומען דערצו. דאס איז נישט געמאכט געווארן אז מען זאל עס נוצן ברבים, און על אחת כמה וכמה אין א בית המדרש אין א בית ה', א מקום וואס איז מוקדש פאר תורה און תפלה. איינער וואס נוצט אזא כלי בפרהסיא, איז יתכן אז ער איז א בגדר א מחטיא את הרבים!** וואס א מחטיא את הרבים ווייסן מיר, אז אין מספיקין בידו לעשות תשובה. ער קילט אפ אין די אויגן פון צענדליגער מענטשן, אז עס איז נישט געפערליך אזא זאך. און ווי מער ער איז א בן תורה, און ער איז א איידעלער, טוט ער עס נאך מער אפקילען ביי א צוויטן. ער זעהט אז זיין חסידישער חבר, עס איז גארנישט קיין עוולה, ער האט עס אויך. און הקולר תלוי בו, ער איז שולדיג אויף די פירצה וואס קומט ארויס, **און ער וועט אפגעבן דין וחשבון אויף יעדן איינעם וואס איז נכשל געווארן דורך אים,** וואס ער האט אפגעקילט אין יענעמס אויגן די עוולה דערפון.

**ווען א מענטש דרייט זיך ארום אפענערהייט צווישן הונדערטער מענטשן מיט א סמארטפאון אין די הענט, אסאך מאל איז דאס כאילו דער מענטש רופט אויס, און ער זאגט: 'עטץ זאלטס וויסן, איך וועל ענק זאגן ווער איך בין. איך בין פון די פארגעשריטענע וואס ווערן נישט אפגעבריט פון קוקן אויף א סמארטפאון. איך בין נישט פון די פרומע וואס האבן מורא אז זיי וועלן נתקרב ווערן לדרכי העולם. די רבנים וואס רעדן דערויף, די זענען אלט פארצייטישע, פונעם פריער'דיגן דור וואס פארשטייען נישט קיין סאך. עס איז נישט געפערליך, מען קען גיין דערמיט'. אונטער דעם ליגט א שטיק גיאות, וואס ער רופט אויס מיט זיין שטאלצקייט: 'איך ווייס וואס איך האב צו טון, קיינער זאל מיר נישט איינטיילן, מען זאל מיך נישט מסדר זיין וואס איך האב צו טון און וואס איך האב נישט צו טון. איך ווייס וואס איך מעג טון, דאס וויל איך טון, איך רעכן זיך נישט מיט קיין דעת תורה, לאזט מיך צורוה, איך טו וואס איך דארף צו טון, און וואס איך וויל טון.**

**רבינו שליט"א** חיזק ואימץ לאלו העומדים בתוקף שלא להשתמש בכלים הללו כלל, וקרא ואמר: אשריכם מה טוב חלקיכם! עטץ זאלטס וויסן ווי גליקליך עטץ זענטס. חזקו ואמצו לבבכם, שטארקטס ענק, און האלטס אן ביי דעם וואס מען האלט אן! זייטס ממשיך ענקער וועג אויף ווייטער! עטץ ווייסט'ס נישט צו שעצן אין וואספארא הייליגע מדריגה ענק געפונען זעך, אין וואס עט'ס שטייטס אפגעהיטן, און ערליך. ערליכע שיינע יודישע שטוב, קינדער וואס געבן ארויס שפעטער זרע קודש, וואס גייען בדרך ישראל סבא. עס איז טאקע ראשיתך מצער אבער אחריתך ישגה מאוד, וסוף הכבוד לבוא, דער סוף וועט זיין אז מען וועט מצליח זיין.

*

**רבינו שליט"א** יחד הדיבור לעורר על מדת הצניעות אצל הנשים, אשר חיובו מוטל גם על הבעל להיות שורר בביתו, ולהשגיח על לבושי אנשי ביתו שיהיו על דרכי התורה והצניעות, וזה נוגע בכל חלקי הלבוש בבגדים ובפוזמקאות ובמנעלים, בכיסוי הראש, ובצביעת עצמן ועיניהם. ובבגדי הכלות ביום חופתם שיהיו הזרועות מכוסות כדת וכדין. ויש להאנשים לעורר בבית על כל זה. וכאשר תדע ותרגיש שבאמת כואב זה לבעלה, ישראל כשרות עושין רצון בעלה.

בדבריו עורר במיוחד על לבישת שייטלען ארוכות, ושייטלען מפוזרות וכדומה שנאסרו על ידי כל גדולי

ישראל מכל החוגים, ושזהו בכלל ולא יראה בך ערות דבר ושב מאחריך. ועל עצם השייטלען אשר רובם ככולם באים מאינדי"ע אשר שם חותכין שערותיהן להעבודה זרה שלהם, ולדעת הרבה גדולי ישראל הרי הם בגדר תקרובת עבודה זרה ממש שאסור ליהנות מהם, ובודאי שהשומר נפשו מנדנוד איסור ישתדל שילבשו רק סינטעטישע שייטלען.

וסיים דבריו לנצל את ימי חיינו בתורה ועבודת ה', לקנות חיי עולם הבא, ולפומיה דעבידתא עבידן מטללתא, וחטוף ואכול בעוד שאפשר לקנות חיי נצחיים, שלא נצטרך לכוות בחופת חבירו לעתיד, והתקן עצמך בפרוזדור במצוות ומעשים טובים, ואז נהיה מאושרים בזה ובבא.

אחר הדרשה התקיים מסיבת לחיים, **ורבינו שליט"א** חילק מזונות לכל הקהל.

*

***יום חמישי פרשת ויקרא***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך, והתפלל שם תפלת מנחה.

אחר כך שימש **רבינו שליט"א** ככהן אצל הפדיון הבן של בן הר"ר **משה מאיר בראדי** הי"ו, שהתקיים באולם כתר צבי.

אחר הפדיון הבן השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בת **הרה"ג רבי קלמן הלברשטאם שליט"א** מנהל ישיבה לצעירים סאטמאר וומסב"ג (בן כ"ק האדמו"ר מצאנז - גריבוב שליט"א), עב"ג בן **הגה"צ אב"ד סאטמאר מאנטריאל שליט"א**, שהתקיים בישיבה לצעירים סאטמאר.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי **באור החיים הק'**, בבית מדרשנו זכרון יהודא.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן הרב **אפרים משה לעזער** שליט"א (נכד אחיו כ"ק הגה"צ מסערדאהעלי שליט"א), עב"ג בת הרב **אהרן דוד עסטרייכער** שליט"א, שהתקיים באולם עטרת גאלדא. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, ובריקוד מיוחד עם אחיו **כ"ק הגה"צ מסערדאהעלי שליט"א**, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום שישי פרשת ויקרא***

בשעות אחר הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת באבאד שיחי', שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה (אלמנת הר"ר **פישל באבאד** ע"ה).

*

***שבת קודש פרשת ויקרא***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה, וסיפר כמה סיפורים **מהגה"ק רבי שמעון סופר זצ"ל** אב"ד קראקא (לרגל היומא דהילולא ביום י"ז אדר ב'). בברכת המזון נתכבד הבחור בנש"ק **חיים מאיר כ"ץ** נ"ו.

בקריאת התורה התקיים שמחת העליה לתורה של החתן **משה יעקב** נ"ו, בן הר"ר **אברהם יהודא האפפמאנן** הי"ו. אחר התפלה התקיים קידושא רבא לכבוד השמחה.

בסעודה שלישית כיבד **רבינו שליט"א** את הרב **שמעון אופמאן** שליט"א (אוסטראליע) בברכת המזון.